**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 8.7 מיליאן דאלאר אין געגנב'טע קארן און חלקים צוריקגעגעבן פאר ניו יארקער

***DMV פארשער האבן צוריקגעברענגט 286 קארן און 157 קאר חלקים אין 2023***

***די 'ארומנעמיגע קאר גניבה רעדוקציע סטראטעגיע' ארבעט, מיט קאר גניבות אראפ מיט 50% אין ראטשעסטער, 45% אין באפעלאו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז DMV פארשער האבן צוריקגעברענגט 286 געגנב'טע קארן פאר א ווערט פון כמעט 8.6 מיליאן דאלאר און נאך $152,000 אין געגנב'טע קאר חלקים אין 2023, אזוי ווי די סטעיט פארמערט אירע באמיאונגען זיך צו אפגעבן מיט די אויפשטייג אין קאר גניבות. די צוריקגעברענגטע פארמעגנס זענען ארויף 19 פראצענט פון די 7.3 מיליאן דאלאר וואס זענען צוריקגעברענגט געווארן אין 2022 און א 67 פראצענטיגע העכערונג פון די 5.2 מיליאן דאלאר צוריקגעברענגט אין 2021.

"האלטן ניו יארקער פארזיכערט איז מיין הויפט פריאריטעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין ארויסגעקומען מיט די 'ארומנעמיגע קאר גניבה רעדוקציע סטראטעגיע' צו שטיצן אונזער געזעץ אינפארסירונג און באשיצן ניו יארקער פון גניבה, און די אינוועסטירונגען צאלן זיך אפ."

אין צוגאב צו די 286 קארן וואס זענען צוריקגעברענגט געווארן, האבן DMV פארשער צוריקגעברענגט 157 קאר חלקים, כמעט צוויי מאל די צאל חלקים וואס זענען צוריקגעברענגט געווארן אין 2022.

**צוריקגעברענגטע קארן לויט ראיאן**

| ראיאן | צאל קארן צוריקגעברענגט |
|---|---|
| הויפטשטאט ראיאן | 16 |
| פינגער לעיקס | 17 |
| מיד-האדסאן | 25 |
| ניו יארק סיטי | 142 |
| צענטראל ניו יארק | 12 |
| לאנג איילענד | 42 |
| מאוהאק וואלי | 3 |
| מערב ניו יארק | 29 |
| **סך הכל** | **286** |

אנערקענענדיג די באדייטנדע העכערונג אין קאר גניבות אין ניו יארק סטעיט און אריבער דאס לאנד, האט גאווערנער האקול אנגעהויבן א פינף-נקודות'דיגע פלאן, גערופן די 'ארומנעמיגע קאר גניבה רעדוקציע סטראטעגיע' (Comprehensive Auto-Theft Reduction Strategy, CARS).

הויכפונקטן פון די קאמפיין רעכענען אריין:

- 5 מיליאן דאלאר פאר פארמיידונג פראגראמען פאר צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע אין די שווערסטע-באטראפענע געגנטער אריבער די סטעיט.
- ניו יארק סטעיט פאליציי האבן פארמערט די אינפארסירונג אין געגנטער מיט אסאך גניבות, און דיסטריקט אטוירניס וועלן באקומען פעדעראלע הילף צו ברענגען קלאגעס אין די גרויסע צאל פון פעלער.
- ניו יארק סטעיט האט געעפנט א נייע וועבזייטל אלס טייל פון א פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין אין אן אונטערנעמונג צו צושטעלן מיטלען און בילדונג וואס וועלן העלפן ניו יארקער אונטערנעמען זייערע אייגענע מאסנאמען צו פארמיידן קאר גניבה. עס קען געפונען ווערן ביי די לינק: https://www.governor.ny.gov/programs/taking-action-against-car-theft
- די גאווערנער און ניו יארק סטעיט DMV האבן געשיקט א בריוו צו יעדן ניו יארקער וואס פארמאגט א Kia אדער Hyundai זיי צו מעלדן איבער די פארמערונג אין גניבות ספעציפיש פאר זייערע סארטן קארן און זיי איבערגעבן אינפארמאציע איבער די כלים וואס זענען דא צו באקומען פריי פון אפצאל צו העלפן פארמיידן זייער קאר פון געגנב'ט ווערן.
- די גאווערנער האט ארויסגעשיקט א בריוו צו יעדע ראיאנישע קאר דילער פארבאנד זיי מעלדנדיג איבער די קאמפיין.

**DMV קאמישאנער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "נאכפאלגנדיג אן אויפשטייג אין קאר גניבות, האט אונזער דיוויזיע פון פעלד פארשונגען (Division of Field Investigations) ארויפגעשארט די ארבל צו באשיצן קליענטן און זיי העלפן צוריקבאקומען זייער געגנב'טע פארמעגן. גאווערנער האקול'ס דעטאלירטע פלאן צו אדרעסירן קאר גניבות אין ניו יארק האט אן עכטע השפעה, און די DMV איז שטאלץ צו שפילן א טייל ביים אדרעסירן די פארשפרייטע פראבלעם אין אונזערע קאמיוניטיס."

אין שטיצע פון די גאווערנער'ס פלאן צו באשיצן ניו יארקער, האט די DMV אויך געהאלפן סיי Kia און Hyundai מיטן אדווערטייזן אומזיסטע פארערכטונג קליניקס פאר באטראפענע קאר אייגנטימער. די קליניקס זענען אפגעהאלטן געווארן דורך די קאר מעניופעקטשורערס אין די סיטי אָוו ראטשעסטער, איינס פון די געגנטער מיט די העכסטע ראטע פון קאר גניבות, צו גיבן פאר קאר אייגנטימער א געלעגנהייט צו ארײנלייגן א סאָפטוועיר אפדעיט וואס וועט באשיצן זייערע קארן פון גניבה. די סטעיט האט אויך געשטיצט לאנד'ס-ברייטע באמיאונגען צו אנקומען צו Kia און Hyundai אייגנטימער איבער די באדייטנדע פארמערונג אין גניבות פון די קאר פירמעס, און פארשפרייט קאר גניבה פארמיידונג טיפס פון די נאציאנאלע אינשורענס פארברעכן ביורא (National Insurance Crime Bureau).

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָסאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס געציהלטע, פילפאכיגע פלאן צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט אדרעסירט דאס וואס ליגט ביים שורש פון פארברעכן, און קאנצענטרירט זיך אויף די באנוץ מיט טעכנאלאגיע און אויפגעוויזענע שיטות צו אראפטרייבן פארברעכן. די צוגאנג ארבעט, און איך לויב אויס אונזערע לאקאלע און סטעיט שותפים פאר די באדייטנדע פארשריט וואס זיי האבן געמאכט צו אדרעסירן קאר גניבות אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי ציטווייליגער סופּעראינטענדענט, דאמיניק ל. קיוּמענטאָו, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון הילפס-מיטלען צו באקעמפן די ערנסטע פראבלעם. די געציהלטע, אויספארשונג אינפארמאציע-געטריבענע אינוועסטירונג און דורכן איינשפאנען פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס צום באנוץ, כאפן מיר די קרימינאלן. צוזאמען מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג און אגענטור שותפים, רעדוצירן מיר די צאל קאר גניבות און מיר צוברעכן די קאר גניבה פארברעכן רינגען."

ניו יארקער קענען [באריכטן א געגנבע'טע קאר צו די סטעיט פאליציי] אדער צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג, און [אינפארמאציע איבער געגנבע'טע און געטראפענע קארן] ווערט פארעפנטליכט אויף די DMV וועבזייטל, אריינרעכנענדיג וואס צו טוהן אויב אייער קאר'ס לייסענס פלעיטס ווערן געגנבע'ט.

**השפעה פון CARS**

סטעיט און לאקאלע קאר ציפערן האבן געוויזן אז קאר גניבות זענען געווען די איינציגסטע קאטעגאריע פון פארברעכן וואס איז געוואקסן אין [2023]. אין ניו יארק סיטי זענען קאר גניבות געווען ארויף מיט 15 פראצענט פון די יאר בעפאר און 191 פראצענט אין פארגלייך צו וואו עס האט געהאלטן בעפאר די פאנדעמיע. אריבער די רעשט פון ניו יארק זענען קאר גניבות ארויף מיט 67 פראצענט אין 2023 פון די יאר בעפאר און מיט 188 פראצענט אין פארגלייך צו וואו עס האט געהאלטן בעפאר די פאנדעמיע. אינדרויסן פון ניו יארק סיטי זענען די מערסטע באטראפענע געגנטער פון די סטעיט געווען מאנראו און ערי קאונטיס. כמעט צוויי דריטל פון קאר גניבות זענען פארגעקומען אין די צוויי קאונטיס. אומגעפער 50 פראצענט פון אלע קאר גניבות זענען פארגעקומען אין צוויי שטעט, ראטשעסטער און באפעלאו.

זינט די איינפירונג פון CARS אין סעפטעמבער פון 2023, זענען קאר גניבות אראפ מיט 50 פראצענט אין [ראטשעסטער] און אראפ מיט 45 פראצענט אין [באפעלאו] אין פארגלייך צו די צייט אפשניט פון די פיר חודשים בעפאר. סטעיט ציפערן ווייזן אז ענליכע רעדוקציעס זענען געווען אין מאנראו און ערי קאונטיס. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן צו נאכפאלגן די פארשריט פון די אינציאטיוו און צושטעלן ווערלכע מיטלען עס זענען אימער נויטיג צו אפשרעקן און פראקורירן קאר גניבה.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן